# אַרויף צוזאמען מיט די פלאמען פון די הדלקה

מ'שטייט יעצט געציילטע שעות פאַר'ן גרויסן הייליגן זמן - דער יום טוב פון זמן מתן תורתינו. מ'דאַרף זיך צוגרייטן צו קבלת התורה מיט אַן הכנה דרבה, מיט תיקון המעשים - פאַרעכטן די מעשים, מתוך רוב שמחה, מיט תשובה און מיט קיום המצוות.

פון די אַנדערע זייט, קען מען נאָכנישט פאַרגעסן פון די שרעקליכע טראַגעדיע וואָס האָט לעצטענס פאַסירט, ווען פינף-און-פערציג קרבנות זענען ר"ל אַרויף צוזאַמען מיט די פלאַמען פון די הדלקה אין מירון פאַרגאַנגענעם ל"ג בעומר, און עס פאַרנעמט דעם קאָפּ די גאַנצע צייט. און אידן האלטן אין איין בעטן אַז זיי ווילן הערן נאָך דברי חיזוק אין ליכט פון די טראַגעדיע.

מיר האבן שוין אַרויסגעברענגט, אז "**נסתרים דרכי ה'**" - די וועגן פונעם הייליג'ן באשעפער זענען באַהאַלטן. ווער קען דען זאָגן 'פאַרוואָס' דאָס האָט פאַסירט?!

מיר אַלע זענען מאמינים בני מאמינים, און מיר גלייבן אַז פון דעם אויבערשטן קומט ח"ו נישט אַרויס קיין שלעכטס. אויב דער שרעקליכער אומגליק האָט פאַסירט ביים ציון המצויינת פון התנא האלקי רבי שמעון בר יוחאי, וואָס ער זאָגט אויף זיך (מסכת סוכה דף מ"ה ע"ב) "יכול אני לפטור את כל העולם כולו מן הדין" - איך קען פטר'ן די גאַנצע וועלט פונעם דין, איז דאָך זיכער אַז דאָס וואָס ס'האָט פאַסירט איז געווען א בחינה פון "נגוף ורפוא", אַז השי"ת שלאָגט טאַקע, אָבער פון די מכה וועט אַרויסקומען א רפואה פאר גאַנץ כלל ישראל.

עס איז נישט קיין ספק אַז דער קרבן ציבור (פון די 45 נפשות) האָט באַשיצט צו ראַטעווען אידישע קינדער אומעטעום פון יגון ואנחה - ערגעניש און טרויער, און אַז די טראַגעדיע האָט אַרויסגעצויגן דאס אידישע פאלק פון א צרה לרווחה און פון א טונקלקייט צו א גרויסן ליכטיגקייט.

מיר האָבן דאָך נישט קיין שייכות צו די באַהאַלטענע זאַכן, ווי חז"ל זאָגן (מסכת חגיגה דף י"ג ע"א): במופלא ממך אל תדרוש ובמכוסה ממך אל תחקור, במה שהורשית התבונן, אין לך עסק בנסתרות - זאַכן וואָס זענען פאַרהוילן פון דיר זאָלסטו נישט נאכפארשן, זאַכן וואָס זענען באַהאַלטן פון דיר, זאָלסטו נישט גריבלען דערין, קלער אַריין נאָר אין וואָס דו ביזט ערלויבט, אָבער באַהאַלטענע זאַכן איז נישט קיין עסק פאַר דיר, דעריבער קענען מיר נישט גריבלען צו פאַרשטיין "פאַרוואָס" עס האָט פאַסירט, אונז קען מיר טראַכטן נאָר "וואָס" מיר דאַרפן זיך אַרויסלערנען פון דעם.

מיר ווילן נאָר וויסן און פאַרשטיין דעם "מה ה' אלקיך שואל מעמך" (דברים י', י"ב) וואָס פאָדערט דער אויבערשטער פון דיר? וועלכע זאַך דאַרף מען פאַררעכטן, און מיט וואָס דאַרף מען זיך מחזק זיין? די 45 נשמות רופן צו אונז מיט א הויך קול און שרייען "מ"ה" - וואָס גייט פאר מיט דיר? וואו האַלטסטו אויף די וועלט? געב זיך א שאָקל! ווי חז"ל זאָגן (מס' ברכות דף נ"ט ע"א) "לא נבראו רעמים אלא לפשוט עקמומית שבלב" - די דינערן - וואָס מאַכן אַזאַ שטאַרקן גרודער - איז נישט באַשאַפן געוואָרן נאָר כדי אויסצוגלייכן די קרומקייטן פונעם הארץ. דאָס זעלבע איז מיט אַזאַ שרייענדיגע טראַגעדיע וואָס האָט דא פאַסירט...

**אויב איך מעג זאָגן, אפשר ליגט אין די טראַגעדיע א "רמז" פון הימל מיט וועלכע זאַך מ'דאַרף זיך מחזק זיין.**

ווען מ'טראַכט אַריין אין די ביטערע טראַגעדיע, זעט מען א וואונדערליכע זאַך. די חשוב'ע נפטרים זענען געווען פון דאָס בעסטע וואָס כלל ישראל האָט פאַרמאָגט, מסלתה ומשמנה, יעדער פאר זיך - כל אחד בשמו הטוב יבורך. די קרבנות זענען געווען אידן פון אַלע שיכטן און אלע קרייזן, פון יעדן עלטער, און פון איבער דער גאָרער וועלט, א ספרד'ישער און אַן אשכנז'ישער, א חסיד און א ליטוואַק, א סקווערער חסיד און א ברעסלאָווער חסיד, א סאַטמאַרער חסיד און א ליובאַוויטשער חסיד...

די וואָס האָבן זיך דאָרט פאַרזאַמעלט, האָבן מיטגעהאַלטן א מעמד אדיר ונורא! צענדליגער טויזנטער זענען געשטאַנען צוזאַמען איינער נעבן אַנדערן מיט א געוואַלדיגן אחדות, כאיש אחד בלב אחד - ווי איין מענטש מיט איין הארץ, מ'האָט געטאנצט צוזאַמען מיט אַן אויסטערלישע שמחה, און אַלע צוזאַמען האָבן אויסגעשריגן "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד", און אַזוי זענען די טייערע נשמות אַרויף אין הימל צוזאַמען מיט די פלאַמען פון די הדלקה, ווייטער "כאיש אחד בלב אחד". ס'איז דאָך עפעס א זאַך!

איך טראַכט, אַז איצט איז די צייט מיטצונעמען "צידה לדרך" פון די פאַסירונג, און אַרויסנעמען פון דעם א גוטן לימוד, אַריינצוטראַכטן און צו פאַרשטיין די מעלה פון אחדות, זיך אָנצושטרענגען מיט מער כוח צו לעבן איינער מיטן צווייטן מיט א געוואַלדיגע ליבשאפט - באהבה ואחוה ושלום וריעות, מוותר צו זיין איינער פאַר'ן צווייטן, זיך צו דערווייטערן פון מחלוקת, און אַז יעדער זאָל זען די מעלות פון זיין חבר און נישט זיינע חסרונות, ווי דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע זאָגט אין זיין "תפילה קודם התפילה".

דאָס - טייערע ברודער - וועט זיין די בעסטע הכנה צום זמן מתן תורתינו, וואָס דעמאָלט זענען די אידן אויך געווען "כאיש אחד בלב אחד".